**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/16/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול און אינטערנאציאנאלע פירער שרייבט אונטער פלאנעטערי פראטאקאל צו פאראויסשטופן שטארקע קלימאט צילן אלס טייל פון וואטיקאן קלימאט קאנפערענס**

***דער פלאנעטרי פראטאקאל פאר קלימאט טויש רעזיליענס אנערקענט געברויך פאר זאפארטיגע און פאראייניגטע שריט צו באשיצן די מערסט עמפינדליכע און אדרעסירן דעם קלימאט קריזיס***

***גאווערנאר האקול, טשעיר פון די פאראייניגטע שטאטן קלימאט אליאנץ, האט געגעבן באמערקונגען אויף ניו יארק'ס שטארקע קלימאט ווידערשטאנדפעאיגקייט פלענער דורכאויס וואטיקאן קלימאט סאמיט***

***פלאנעטרי פראטאקאל פאר קלימאט טויש ווידערשטאנדפעאיגקייט [דא]()***

***בילדער פון וואטיקאן קלימאט קאנפערענס [דא]()***

גאווערנאר האקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק האט אונטערגעשריבן אויף די פלאנעטערי פראטאקאל פאר קלימאט טויש ווידערשטאנדפעאיגקייט, אן אינטערנאציאנאלע אפמאך צווישן די הויפטן פון סיטיס, טאונס און רעגירונגען אנטוויקלט אלס טייל פון די געמיינזאמע סאמיט אויף קלימאט וואס איז אפגעהאלטן געווארן דורך די פאנטיפיקאל אקאדעמיע פון סייענסעס און די פאנטיפיקאל אקאדעמיע פון סאושעל סייענסעס. דער פראטאקאל זאגט איבער דעם געברויך פאר פאראייניגטע שריט צו אדרעסירן דעם קלימאט קריזיס און באשיצן די מערסט עמפינדליכע.

"מיר האבן א מאראלישע פארפליכטונג צו פארלאזן דעם אויסערארדנטליכן פלאנעט בעסער ווי מיר האבן עס געפינען," **האט גאווערנאר קעטי האקאל געזאגט.** "פון האריקעינס צו היץ כוואליעס, איז ניו יארק דורכגעגאנגען די חורבנות פון די קלימאט קריזיס. דורך קאארדינירטע שריט מיט אונזערע קאלעגעס פון איבער די גאנצע וועלט, וועלן מיר זיך ווייטער רוקן צו א מער ווידערשטאנדפעאיגע צוקונפט."

דער גאווערנאר האט אונטערגעשריבן די פלאנעטערי פראטאקאל בשעת'ן זיין אנוועזנד ביי פאופ פרענסיס' 3-טאגיגע דזשוינט סאמיט "פון קלימאט קריזיס צו קלימאט ווידערשטאנדפעאיגקייט". היינט, האט דער גאווערנאר דעליווער'ט אן אדרעס אויף "קלימאט פירערשאפט אין די עמפייער: בויען ווידערשטאנדפעאיגקייט פאר אלע". לעצטע וואך, איז גאווערנאר האקול באשטימט געווארן אלס פארזיצער פון די פאראייניגטע שטאטן קלימאט אליאנס, א בייפארטייזען צוזאמענארבעט פון 24 גאווערנארס פאר שטארקע קלימאט שריט.
דער פלאנעטרי פראטאקאל פאר קלימאט טויש ווידערשטאנדפעאיגקייט זאגט:

מיר רופן פארן שאפונג פון א פלאנעטארע פראטאקאל פאר קלימאט טויש ווידערשטאנדפעאיגקייט, געשטיצט דורך עקספערטן סיי אין סייענסעס און סיי סאושעל סייענסעס, און, קריטיש וויכטיג, דורך די וואס זענען אין דירעקטע סערוויס צו די קאמיוניטיס פון די וועלט, אריינגערעכנט מעיארס און גאווערנארס. מיר זענען געטריי צו די זאפארטיגע איינפירונג פון די קריטישע מאסנאמען:

- אן איין-וועלט צוגאנג איז נויטיג צו אנווייזן קריטיש וויכטיגע שריט און פארשנעלערן פאליסי טויש און איינפירונג. עס איז גאר וויכטיג צו אנערקענען די פונדאמענטאלע רעכט פון יעדן מענטש באזונדער צו קלימאט טויש ווידערשטאנדפעאיגקייט.
- מיר האנדלען מיט באזונדערע אבער אינטער-קאנעקטעד סיסטעמישע שוועריקייטן: קלימאט טויש, גאר גרויסע בייאדייווערסיטי פארלוסט, ענווייראנמענטאל פארפעסטיגונג, גלאבאלע אומאייניגקייט, און עסנווארג אומזיכערקייט. די פראבלעמען, אויב עס ווערט נישט אדרעסירט אינאיינעם מיט גרויס דרינגענדקייט, שטעלן עקזיסטענץ דראאונגען פאר מענטשן און אנדערע באשעפענישן ווי אויך די איקאסיסטעמען אויף וואס זיי זענען אנגעוואנדן. ארימע מענטשן וועלן ווערן דאס מערסטע אומגינסטיג אפעקטירט.
- מיר אנערקענען אז די קלימאט קריזיס וועט ווערן ערגער אינעם נאנטן צוקונפט, אפילו אויב די מערסט אפטימיסטישע באגרעניצונג שריט צו אפשטעלן דעם עמישאנס אויפשטייג ווערן יעצט איינגעשטעלט. עמישאנס וואס זענען שוין יעצט אין אונזער אטמאספער, וועלן פאראורזאכן ליידענישן וואס סאשיא-פאליטישע אינערשע וועט פארמערן. מיר דארפן סיי א קורץ-טערמיניגע (א שפרונג איבער די קומענדיגע 25 יאר) און סיי א לאנג-טערמיניגע (א געלויף איבער 25 ביז 100 יאר).
- אראפנידערן דעם ווארעמונג אויפשטייג גאר שנעל, און צוריקגיין צו סאסטענעבל לעבן צו איבערלעבן און בליען אויף וועגן וואס זענען יושר'דיג און דויערהאפטיג. גלאבאלע מיטארבעטונג איז וויכטיג, ווייל אימישנס זענען סיי וואו און גלאבאלע הייצונג איז איבעראל.
- מיר אדוואקאטן פאר א שנעלע, פילפאכיגע צוגאנג צו קלימאט אויסהאלטונג, שנעל נידערנדע עמישנס, אדאפטירן צו יעצטיגע קלימאט טוישונגען, און אימפלעמענטירן נייע פינאנציעלע מעקאניזם. די יגיעה פארלאנגט גלאבאלע קאאפעראציע צו אדרעסירן, צום ביישפיל, ערוואַרטנדע מייגרעישנס אויף א גרויסע פארנעם, יעצטיגע אויפפירונג ענדערונגען אפצוקילן די פלאנעט, איבערגעארבעטע לימודים, און אקעאן און לאנד אומקערעניש.
-רייכע פעלקער און גלאבאלע עשירים מוזן געבן די כ פאר די ארעמסטע דריי ביליאן, וואס געבן די ווייניגסטע פאר קלימאט ענדערונגען, מיט א וועג צוצוקומען צו ריינע ענערגיע, וואסער, עסן, און לופט. די שריט וועלן געבן צום קלימאט גערעכטיגקייט און רואיגקייט, פאר'ן לאקאל און גלאבאל.
מיר אנערקענען אז געזונטע נאטורליכע סיטעמס זענען די יסודות פאר אונזער פיזישע, סאציאלע, און עקאנאמישע ווידערשטאנדפעאיגקייט, און אדוואקאטן פאר דרינגנדע שריט צו באלאנסירן אינפלעמענטירונגען פאר נאטור-באזירטע קלימאט לעזונגען.
-מיר אנערקענען אז די געבוי פון די P2C2R מוז ווערן געבויט אויף די דריי-פילער MAST פרינציפ, ווי געשילדערט אין COP-28 סטעיטמענט פון PAS און PASS. די דעטאלן פון MAST אזויווי אז די יסוד מאטריאלן ווערן געגעבן אין די אויסגעצויגענע ווערסיע פון די פראטאקאל.
- טוט אלעס אין אונזערע יכולות שנעל צו פארמינערן גלאבאלע גרינהויז גאז עמישנס און פארקירעווען די ווערעמען קנייטש אויף 2050 צו אפהאלטן יעצטיגע איבער-שיסונג צו ווייניגער ווי C2° און אפצוהאלטן די אנווארעמונג צו C1.5° די שנעלסטע מעגליך, כדי די ערשטע פילער פון MAST... און אויך אויסוועלן נאטור-באזירטע לעזונגען אין די פרא-אקטיווע באזייטיגונג פון $CO_2$ פון די אטמאספער.
- אדאפטירונג צו אומפארמיידליכע קלימאט ענדערונג איז די צווייטע פילער פון MAST. אדאפטירונג האט דריי צילן: פארמינערן סענסעטיוויקייט צו קלימאט טוישונגען, פארמינערן דאס זיין אויסגעשטעלט צו קלימאט דראאונגען, און פארבעסערן אדאפטירונג מאקסימום. פונדעסוועגן, זענען דא אפהאלטונגען צו מענטשליכע און עקאסיסטעם אדאפטירונגען, און צו בלייבן אין די באגרעניצונגען, מוז אדאפטירוג זיין שטארק ביינאנד אין האנט מיט לינדערונגען. אדאפטירונג מוז קריטיש אויסוועלן די זעלבע מיט לינדערונגען און פארלאנגט שריט, איבער אלע סעקטעס און מדריגות פון די מענטשהייט. אדאפטירונג פלאג זאל ארייננעמען א פאקוס אויף פאבליק געזונטהייט, ארייננעמענדיג מענטל העלט און געזונטהייט, צוזאמען מיט די וואוקס פון אנדערע לעבעדיגע באשעפענישן און עקאסיסטעמס - א קריטישע פריאריטעט און די פלאן פון אדאפטירונג,

לעזונגען אונטער P2C2R. אדאפטירונג צו היץ סטרעס איז וויכטיג צו פארמיידן גרויסע נומערן פון טויט-פאלן אין די קומענדיגע צענדליגע יארן.

פרידליכע טוישונגען איז די דריטע פילער פון MAST, וועלכע איז פונדעמענטאל צו וואקסן אין א סאסטעינעבל צוקומפט נאכ'ן איבערלעבן דעם קריזיס. פרידליכע טוישונגען נעמט אריין פונדעמענטאלע ענדערענגען אין אויפפירונג, אריינגעמענדיג פארציקן, און די סאציא-עקאנאמישע סיסטעמס און גאווערענס. אין פויפסט פראנסיס' ווערטער, "די טוישונגען איז די זעלבע ווי אן עקא-לאגישע איבערגאנג." די קלימאט קריזיס גיבט אונז א געלעגנהייט וואס האט נישט קיין פארגלייך צו בויען א שטארקערע, געזונטערע, און מער גערעכטע וועלט וואס שפיגלט אפ די פאקט אז אונזער וואוקס ווענדט זיך אויף די געזונטהייט פון די נאטורליכע וועלט און אנדערע לעבעדיגע באשעפענישן.

- די טוישונג פארלאנג קלימאט פארשטענדליכקייט פאר אלע, פון קינדער צו ערוואקסענע, צוטריט צו פרייזגינסטיגע ענערגיע, ריינע לופט און וואסער, און בילדונג פאר די ארעמסטע דריי ביליאן מענטשן אויפ'ן פלאנעט כדי זיי זאלן קענען אדאפטירן צו קלימאט קאטאסטראפעס און וואקסן אין א נאך-גלאבעלע ווארעמונג וועלט, פאבליק-פריוואטע זיך פארן צו פינאנצן ביידע לינדערונגען און אדאפטירונג, סופליי פון סקלילס און טרענירונג, צו ערלויבן צוטריט אין יעדן פאל צו פאסטנס וואס ווערט געדארפט צו איבערגעבן די טוישונגען, און פארערשאפט מיט גלויבונג-באזירטע ארגאנאזאציעס און צאמקלייבן שטארקע פאבליק שטיצע פאר קלימאט שריט.
- פלאנען און אן פאלעסי איבערהענט מוזן זיך אדאפטירן צו אריינגעמען קינדער-מיטלפונקט צוגענג צו ארויסברענגען ווידערשטאנדפעאיגקייט.
- פארשטענדליכע אינווייראמענטעל און אנהאלטונגס בילדונג זאל זיין פאראייניגט אין די שולע לימודים אלטוועלטליך, פארזיכערנדיג אז אלע קינדער באקומען א טיפע אנערקענונג אין עקאלאגישע פראבלעמען, סאסטעינעבל פראקטאצירונגען און זייערע ראלעס אין אריינברענגען א סאסטעינעבלצוקומפט פון א יונגען עלטער. דאס זאל אריינגעמען די פראמאשן פון באנעמונג וואס שטיצט אחריות'דיגע פירערשאפט פונעם פלאנעט, קריטישע טראכטונג איבער ענווייראמענטעל פראבלעמען ווי אויך אלס א צוגרייטונג פאר צוקומפטיגע קאריעס אין סאסטעינעבל פלעצער.

מיר מוזן דרינגנס אריבערגיין פון פאסיל פיול ענערגיע צו ריינע ענערגיע.
- שענדליכע סאבסידיידס פאר פאסיל פיולס מוז ווערן געטוישט צו שטיצן שריט וואס קען שנעל בייגן די ווארעמונג קנייטש, פארבעסערן אלטוועלטליכע געזונטהייט באצאלוג, געבן קראפט פאר פאבליק טראספארטאציע, פארמינערן לופט און וואסער פארפעסטיגונגן, געבן געזונטע עסן אויסוואלן, און העכערן ישרות.
- א שטארקע איבערגעגעבנקייט מוז ווערן צו סאסטעינעבל אגריקולטור כדי צו שנעל אויסבייגן דעם ווארעמונג קנייטש, העכערן ישרות און אפפערן געזונטע עסן אויסוואלן.
- אויפפירונג ענדערונגען אין מענטשן, קאמיוניטיס, און די פריוואטע סעקטע מוז ווערן איבערגעפלאנצט צו א נייע גלאבאלע אנהייב אויסצולערנען יעדן פון יונג ביז צו אן אלטן עלטער.
- ריסערטשערס און פאליסימאכער ארבעטן אויף לעזונגען וואס זאלן אדאפטירן עדות-באזירטע טראנס-דיסציפלינערי מיטארבעטונגען וואס נעמען אריין מעיארס, גאווערנערס, און לאקאלע oNGO אויסצופירן די הילפסמיטלען גרייט ביי פילצאליגע מדרגות פון גאווערמענט.
- קלימאט טוישונגען איז גלאבאל, האט אן השפעה אויפ'ן לאקאל און פארלאנגט לאקאלע שריט. דערפאר, רופן מיר צו די פירער פון די פעלקער ארויסצוברענגען שטערקערע קולות פון מעיארס און גאווערמענטס אין גלאבאלע קלימאט פאליסי.

די געברויך פאר א טיפע פרידליכע אריבערטוישונג איבער די גלאבאלע פאפולאציע איז יעצטיג און קריטיש. אונזער ציל איז צו עפענען די אויגן און געבן כח פאר סאסייעטיס איבער'ן וועלט צו ארבעטן,

פאראייניגטע שריט קעגן קלימאט טוישונגען און פאר קלימאט ווידערשטאנדפעאיגקייט. אונזער סטראטעגיע איז פארשטענדליך, גרייכנדיג פאליסי ענדערונגען, ערציאונג, און אויפפירונג טוישונגען אונטער די שולד פון MAST. דאס איז די פאדעמענטאלע מאמענט וואס רופט פאר אומאפשטעלנדע געטריישאפט און באלדיגע שריט. מיר מוזן כאפן דעם מאמענט און אריבערגיין צו א פרידליכע תקופה מיט קיינעם אונטערשטעליג.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגרייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן